STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06017

BAGINEN

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

PEPPER

באגינען

(לידער־זאַמלונג)

רעדאַקטירט פון א רעדקאָלעגיע

פאַרלאַג
אויפגאנג

טאָראָנטאָ 1928 קאַנאַדע

קליינע ביבליאָטעק „אויפגאַנג“

עס באטייליקן זיך:

שאָלעם שטערן
בעניאָמין קאַץ
מ. גרינבערג
עסטער סיגאַל
א. ש. שקאָלניקאָוו
איידע מאַזע
ש. נעפּאָם
מ. קרייצער
א. ניסנעוויטש
מ. סעגאל
נעכעמיע סיגאַל

Copyright applied for by B. Katz, 1928, Toronto

נעדרוקט אין 2,000 עקזעמפּליארן.

שאָלעם שטערן

אונזער געצעלט

(סאָניען געשענקט)

אונזער געצעלט
איז מיט צווייגן באדעכלט
מיט ביימעלאך באפלייטלט
און ארומגערינגלט מיט א שנירל־וואַסער,
וואָס רינט צווישן גרינע גראָזן
און פליעסקעט פארבענקט א ניגענדל —
און פארטאָג,
ווען ווייסע נעפלען
רויכערן זיך אויף די בערג־שפיצן,
שטעלן מיר אוועק בא דער טיר
א קרוג וואסער מיט ברויט,
עפשער וועט א הונגעריקער־וואָגלער
פארבלאָנדזשען —
און דערנאָך גייען מיר אוועק
ארבעטן אין פעלד.
בליקט אונזער געצעלט
אויפן זאמדיקן וועג
וואָס דראפעט זיך

אויף די באַביימטע בערג־רוקנס
און רופט די הונגעריקע־וואָגלערס —
און פארנאכט,
ווען עס צאנקט א רויטער־פלעק
אויפן הימל־עק,
און א ווינטל קילט
די אָנגעגליעטע, זאמדיקע וועגן,
קומען מיר זינגענדיקע
אין אונזער געצעלט —
און באנאכט,
קוקט לעוואָנע מיט ווייסע אויגן
צו אונז אריין.
און זעט די פרייד
וואָס רוט אין אונזער געצעלט — — — —

דיינע בריוו

דיינע בריוו
טראָג איך
ווי א סגילע־בענדל
אין מיין איינזאמקייט — — —
דיינע בריוו
שוין א לאנגע צייט,
ווארימען מיין הארץ,
וועבן אונז צונויף — — —
איבער דיינע בריוו
שוועבט דיין געשטאלט,
גלעטן מיינע הענט
דיין שוועבנדיק־געשטאלט — — —

ליכטיק מיידל מיינס

ליכטיק מיידל מיינס,
די נאַכט קומט אָן,
קום אריין
אין מיין געצעלט — — — —
איך האָב ברויט
געבאַקן היינט,
וועלן מיר עסן —
פריש וואסער
האָב איך געברענגט
וועלן מיר טרינקען —
ליכטיק מיידל מיינס
קום אריין
אין מיין געצעלט — — — —

אַ וואַנדערער

איך בין א וואנדערער,
וואָס זוכט א וועג
צווישן שליאכן,
וואָס ציען זיך
אין וויימע סטעפּעס.
און זאמדיקע - פלאכטעס
פארגרויען די הימלען,
און זאמדיקע - כוואליעס,
קאטשען זיך איבער די שליאכן...
און דער וועג
איז פארהוילען,
איך קען אים
נישט געפונען —
און אז א פריינט פילט
דעם וואנדערערס טיפן-צאר,
ווייזן זאָל ער מיר א וועג
צווישן די שליאכן-סטעפּישע — — — —

דאָס קלאָרע טייכל

פון די פאַרהוילענע סטעפּעס
בין איך געקומען
צו דעם קלאָרן טייכל,
וואָס לויפט אין טאָל.
און מיט מיינע הענט
האָב איך געשעפּט וואַסער
און געטרונקען —
און איצט בין איך מיד
לאָזט מיך רוען אין טאָל.

א גאלדענער פרימארגן

גליעט א גאָלדענער פרימאָרגן
אויף די שפּיצן פון די טוויעס,
און די שטראלן קושן מיין פּאָנים
און וועקן מיך פון שלאָף —
זע איך דורך מיין פענצטער:
שאָף פּאשען זיך אין די טאָלן,
פויערטעס טראָגן וואסער פון דעם ברונעם,
און א גאלעכל בענטשט די פעלדער מיט טפּילעס...
זינגט אין מיר א ווילדע פרייד;
קלעטער איך איבער בערג־אקסלען,
לייג זיך מיטן פּאָנים ארויף
און קוק אין די לויטערע הימלען — — —

דער בלינדער דזשאַד

באַם שייד־וועג־ציילעמל,
זיצט דער בלינדער דזשאַד,
זינגט זיין בעטלעריש־ליד
און האַלט אויסגעשטרעקט
די ביינערדיקע האַנט
פאַר קופּערנע מאַטבייעס. — — —
גייען טשאַטעס פּויערים פאַרביי,
וואַרפן אים נעדראָוועלאַך,
בענטשט דער בלינדער דזשאַד,
אין יעזוסעס הייליקן נאָמען,
און פלינק באַהאַלט ער די נעדראָוועלאַך
אין קליינעם, פאַרפעצטן טאָרבעלע —
און אזוי זינגט ער א גאַנצן טאָג
זיין בעטלעריש־ליד,
מיט א שטומע ־ בענקשאַפט — — —

בעניאַמין קאַץ

מיינע טעג

מיינע טעג זיינען, ווי הויקערדיקע בסולעס,
וואָס כאָלעמען — און ווילן קיינמאָל אויסכאָלעמען באַגער
צו אויסגלייכן די רוקנס
און שטאָלץ אדורכשפּאַצירן
מיט געליבטן איבער גאַסן.

נאָר ווי אַ מיסטיקער־בארג,
וועט מיין הויקער זיך רייסן צו הימלען
און בלייבן באַ ערד צוגענאָגלט;
וועלן אויפגיין די גראָזן
מיט ווילדקייט, אָן בראָכע,
און ווי פּיין, זיך מיט יאָמער דערנערן.

כ׳בין א גאַסט

כ׳בין א גאַסט בא דיר שוין זיבן יאָר, קאַנאַדע,
און די וואָרצלען נאָך ניט איינגעפלאַנצט אויף ערד;
ס׳קאָן ניט צוימען מיך דיין צוואַנג צו פורעמען מיין לעבן,
ווי דו בויגסט די ווילדקייט פונם סטעפּ - געלאָקטן פערד.

כ׳האָב געזען די ווילדע, ווייטע סטעפּעס אויסגעלייגט אויף מיילן,
וואו ס׳שטראַלט דער מאַרעוו אין זיין ווייסן צאָפּן - ליכט:—
האָט צעהעלט פאַר מיר די קראַפט פון קעמפנדיקע מאַינער,
וואו פאַרשמאָלצן איז, ווי פעלז, דער שעפערישער שיכט.

האָב איך זייער מוטיק וואָרט אין זיך אריינגעזויגן,
און פאַראַקשנט צוגעקניפּט צו מיין טעגלאַכן געיעג;
בין איך שוין פון לאַנג א טייל פון זייער ברויזנדיקן צאָרן,
וואָס רייסט זיך שטורמדיק פון יעלאָלעדיקן וועג.

ווינטער אין קאַנאַדע

אויף שטרעקעס א פרייד איז צעגאָסן,
איז ווינטער א גליטש - רינג פאר קראפטיקע ספאָרטלער;
איז יאָנטעוו,
נאָך ארבעט,
אויף גליטשערס זיך טראָגן,
דעריאָגן פארלאנגען אויף פראָסטיקע שארפן;
אויף בארג - שניט זיך לאָזן מיט שליטל;
צעשניידן מיט „סקים" אין דער לופטן דעם פּאַכאַד —
און זיגרייכן שמייכל צעקלינגען אויף בערגלאך.

אין זילבערנעם שיין פון פארוואָרפענע דערפלאך,
אין גלאנץ פון פארשפרייטע, ווייס - ליכטיקע שטרעקעס,
גייט אויף נאָך אוקראאינישע פעלדער א בענקשאפט,
נאָך לאָנקעס און טייכן, נאָך היימישע וועלדער.

אויף קאַנאַדישע פעלדער,
האָט נאָך ניט צעבליט זיך
א האס צו די צוימען מיט שכייניש‌ע ברידער;
פארזייען מיר קערנער פאר אנדערע זאָמען
און היטן דעם צודעק מיט שנייען פארדעקט;
צעיאָגן מיר צאַפּל אויף פראָסטיקע גלאנצן
און שניידן מיט „סקים" אין דער לופטן דעם פּאַכאַד.

דאָס ליד פון יונגן מאַינער

אויפגעשריבן, פארמעקט און ווידער אויפגעשריבן,
אז ווערטער קייקלען זיך, ווי בליי פון מויל:
קאָן מען דען דערציילן, דארף מען דען דערציילן,
אז איך שפיי אוים געמיש פון בלוט און קויל?

קאָן מען דען דערציילן, דארף מען דען דערציילן,,
פון יונגע לעבנס, וואָס אין בליאונג פוילן,—
קאָן מען דען אויפשרייבן, דארף מען דען אויפשרייבן,
די רייד, וואָס פאלן הילפלאָזע אויף קוילן?

קאָן מען דען אויפשרייבן, דארף מען דען אויפשרייבן
די רייד, וואָס איך צעהאמער טעגלאך:
קאָן מען דען נאָך וואַרטן, דארף מען דען נאָך וואַרטן,
ווען כאוויירים זאָלן ענטפערן נאָר: מעגלאך!

דאָס ליד פון מאַטראָס

ווען איך קוש אויס די קנייטשן פון דיין פּאָנים,
פרעמדע מיידל, פלאַמענדיקע דו;
זוכסטו מיט די אויגן אין די סוידעס פון מיין אומרו,
די קערנדיקע זוימען צו פאַרלאָקן מיר אין רו.

דערצייל איך דיר פון שיפן, פאַרבלאָנדזשעטע אויף יאַמים,
פאַראַקשנטע מאַטראָסן מיט ברויזנדיקן בלוט;
צעפלאַמט אין דיר בעטאָכן, אויף פלאַטערדיקע זעגלען
און פאַמסט אין מיינע גלידער די קערנדלאַך פון מוט.

פאַרקלאַמערן זיך רעגעס ביז ציטער פונם פייף;
און פאַרלענדט אין פלאַם פון טרעשטשענדיקע צווייגן: —
הער איך, ווי שוין לאַנג האָט אָפּגעהילכט דער רוף,
און ראַנגל זיך מיט דיר אין כווישעבדיקן שווייגן.

ווייס איך, אז פון לאַנג שוין ז'אָפּגעגאַנגען די שיף,
פרעמדע מיידל, פלאַמענדיקע דו;
קענסט אָבער ניט געפינען אין סוידעס פון מיין אומרו
די קערנדיקע זוימען צו פאַרלאָקן מיר אין רו.

אין אָוונט - גרויקייט

שטילער פיין, אין אָוונט - גרויקייט,
קלאפּט אויף אומרו מיין געוויין;
ציט א סטאדע גענדז א היים שוין,
ציט אין פעלד ווער מיין געביין.

בויגן זיך פון ווינט די צווייגן,
פאַסטוך טרייבט די גענדז א היים.
ליגט דאָס זאמד זיך שטיל אויף וועגן,
און מיין אומרו שפּאנט געהיים

צו דעם וואלד, וואו פּאַסטוכ׳ס פייפל
האָט געלאָזט נאָך זיך א קלאַנג;
דרייט א ווינט די גרויסע צווייגן,
און מיין אומרו איז אין פאנג.

צינדט זיך הימל רויטער, רויטער,
שושקען ביימער טפילעם צו;
צינדט זיך אומרו העלער, רויטער
און מיין וועזן בלאָנקט נאָך רו.

בעטלער

לייזיק זיינען בעטלער גופים,
שטרעקן זיי די הענט צו געטער:
בעטן ראַכמים, מורמלען טפילעס,
ווי פארווייטע, גסיסע - בלעטער.

זיינען טירן זיי באקאנט שוין,
קלאַפּן זיי מיט דינע פינגער;
פאַלן בליקן, האַס פארשטאַרטע,
פלאַמען זיי ווי סרייפע צינגער.

איז ווי העמד פארגארטלט טאָרבע
מיט ריפּטלאַך, שקאָרינקעס פון ברויט;
און בייטעלע מיט קופּער - גראָשנס,
ציילט אוים די טעג צו גרויען טויט.

וואנדלען זיי אין גרויע מאָרגנס,
איבער דערפער, טראַקטן, שטעט:
הערט מען אומעטום דעם ניגן
פון א האַס - פארשטומט געבעט.

זיינען זיי די ווייסע שוואלבן
אין הונגער טעג און קעלט;—

זיינען זיי די גרויע נעכטנס,
וואָס פארלייזיקן די וועלט.

ווערן מאַכנעס בעטלער גרעסער;
און א צאָרן ווערט פארזייט:—
טאנצן זיי, ווי לייז אויף קערפער,
ווען מאַגייפע ווערט פארשפּרייט.

אין בלויע קאַיאָרן

א

אין בלויע קאיאָרן
ווערט הארציק דער מענטש
און געלייטערט זיין וואָרט.

אין בלויע קאיאָרן
גייט אויף פון א מידן:
„גוט מאָרגן!“

צעטראָגט זיך דאָס וואָרט
און לאָסטשעט די גאסן
און צאפּלט זיך פריידיק
מיט אָנקום פון מאָרגן.

ב

אין בלויע קאיאָרן
פארלאָז איך מאשין און גערודער,
דערענדיק די לעצטע מעטאלענע שורעס,
וואָס האָבן אין זודיקן בליי זיך פארגאנוועט
און דאָרטן פאראייביקט געוואָרן.

אין בלויע קאַיאָרן
פאַלן די טריט אויף די ביינערנע שטיינער
און אויגן פאַרשטאַרטע דערבליקן,
ווי בלויקייט וועפּט אויס אין ליכט פון באַגינען.

ג

אין בלויע קאַיאָרן
באַגעגן איך שאָטנס פון מענטשן אויף גאַסן
און זאָג זיי:
„גוט מאָרגן!"

שפּאַנען די איינזאַמע שאָטנס
און קלייבן פון גאַסן דעם אומעט
און גרייטן שוין זשאַר פון דער זון
צו צעשפּרייטן אויף גאַסן.

אין בלויע קאַיאָרן
ווען ס'שפּינט זיך באַגינען,
פאַרלעשן זיך לאָמפּן אויף גאַסן,
און וואו ערגעץ ווייט אין דער בלויקייט,
גייט אויף דער באַגערטער פרימאָרגן.

מ. גרינבערג

צו א פריינט

צו שאָלעם שטערן

דו — א לאנג געגארטער גאסט;
מיין שטוב — אַן אָפענע טיר.
קום אריין!
ניט זיי קיין אוירעך בא מיר.

מיין שטוב, אין סאָף גאס,
א קליין הויקערדיק געצעלט:
מיט פיר פענצטערלאך,
וואָס שמייכלען צו פיר עקן־וועלט.

שטייט שוין מיין טיש געגרייט,
מיט אָרימען אָוונט־ברויט;
וועלן מיר צינדן דעם אומעט
און דערפילן די פרייד, וואָס וועט אויפגיין
אין אונזערע פּאָשעטע רייד.

אין יאָך

אָ, לעבן מיינס!
שלעפּסט זיך אין יאָך, ווי דער אָקס אינם אקער,
מיט קאָפּ געבויגן,
אין שטומקייט, אין שווייגן.

שלעפּן זיך די טעג, הינקענדיקע הינטער אונז,
ווי בעטלער איבער דאָרפישע וועגן,
מיט יאָך אויף אַקסלען,
ווי שוימיקע כוואליעס צו ברעגן.

גייט אויף נאָך א טאָג, א צאָרנדיקער, א רויטער,
צינדט אלע זיבן טעג פון דער וואָך —
ברענט אויף דער יאָך, ווי נאכטיש פייער —
צינדן טעג זיך קנעכטישע אין פלאמען,
א ברענענדיקער שייער.

נעכט

נעכט אזעלכע שטילינקע זיינען דאָ,
פינקלען ווי מיין מאמעס שאבעס-ליכטלאך,
ציטערן רואיק, ווי זיי וואָלטן
אין דער שטיל
געפלאָכטן צום הימל א טפילע.

נעכט, אזעלכע מוטערלאכע זיינען דאָ,
וואָס שמייכלען מיט אויגן ליבלאכע,
מילד אויסשטרעקנדיק די טונקל סאמעט-הענטלאך
צום גלעטן —
און איינהילן דעם אומעט אין א זיסן שלאָף....

נעכט אזעלכע וואכנדיקע זיינען דאָ,
וואָס גייען אויף אין לויטער געזאנג;
וועקן אויף גראָזן, אין פעלד דעם שטומען שטיין,
די לעוואָנע מיט איר זילבער שיין.

וועקן זיך דרעמלענדיקע וועלטן אין דער נאכט,
מיט שטיל געזאנג
צום געבוירן, צו אויפגאנג!

❖❖❖

(ריוושען אין דער טפיסע)

כ׳זע דיך הינטער גראטעס,
זיבן ריגלען,
א שווייגנדיקע, ריידן דיינע בליקן,
שניידן זשאווער פון די זייגלען.
כ׳זע דיך הינטער גרויע מויערן,
כאווער דו — אזוי שטאנדיק באהעלט — —
דו אין אונזער הארץ,
א יונגער פרימארגן, וואס גייט אויף צו דער וועלט.
ציען זיך דיינע טפיסע טעג
פארוויינטע, מיט צאר אין די אויגן,
צינדסטו דעם כוישעך מיט פונקען,
דורך צאר גייט אויף דיין ליכטיקער גלויבן....
כ׳זע דיך האלב אין כאלעם,
האלב אין דרעמל —
א יונגער אדלער אויף די העכסטע שפיצן
צו דעם הימל!

עס לייטערט זיך

עס לייטערט זיך דער הימל,
שוין ליכטיק אלע וועגן —
קומט, לאָמיר שפּאַנען,
ס'וועט די פרייד אונז גיין אנטקעגן!
קומט, לאָמיר שפּאַנען
איבער פעלדער, איבער לאַנען,
איבער פעלזיק־קרומע וועגן —
מיט שטיקער פלאַמען אין די הענט,
צו צינדן קאַלטע ברעגן.

טונקלט וואו נאָך וואו א וועג,
ציטערט, פליטערט נאָך א שטעג;
קום, ניט פרעג, ניט זאָג,
ווי יונגע שוואַלבן אין דעם בלויען טאָג.

טעג מיינע

טריב האַרבסטיקע טעג!
איינזאַם, שטום מיט בלינדע אויגן
שלעפּט איר זיך פאַרביי,
ווי בעטלער איבער פינצטערע וועגן.

און אַ מאָל, טעג מיינע, זע איך אייך,
ווי שטערנדלאַך, ברענענדיקע ליכטלאַך,
וויל איך אייך אַרומנעמען,
שטרעק אויס מיינע הענט, אייך עפּעס פרעגן,
אַנטלויפט איר פון מיר,
ווי האַרבסט בלעטלאַך נאָך אַ רעגן...

בלעטלאַך גרינינקע, פון רעגן געצוואָגענע,
אין כאָלעם זע איך אייך שטערנדלאַך,
טעג מיינע געציילטע,
ווען מיט פרייד זאָגט איר אָן מיין האַרץ
אייער געבוירן ווערן,
בליט אויף אַ ליכטיקייט
פון טעג נאָך נישט אויסגעלאָשענע שטערן.

מיין ליד

שטיל צעבליט זיך מיין ליד,
שטיל ווי אן אויפגייענדיקע קווייט:
אין טויאיקע פארנאכטן.
מיין ליד צעוואקסט זיך און רייפט.

אין שווייגנדיקע נעכט,
ווען הימל־ערד מיט צארטן קוש באהעפט,
גייט אויף נײ לעבן מיט שטיל געבענטשטער פרייד,
מיט זאפטיקע טרויבן, איבער פעלד און בייט,
ווער איך א גרעזעלע,
קושן פערלדיקע טויען — באזילבערן מיין געמיט,
און אין לויטערקייט פון טויען
גיי איך אויף מיט מיין ליד.

עסטער סיגאַל

מיט אומזיכערע טריט

מיט אומזיכערע טריט
גייסטו פון מיין שוועל אוועק,—
פון מיין גאס, פון מיין שטאָט,
און פון מיין וועלט ארויס.
בּאַ מיר אין קאָפּ קלאַפּט דריבּנע
ווי האָגל־פּאַל —
אויס, אויס, אויס...
ערשט ניט לאַנג האָבּן באַנג
דיינע טריט דאָ געערדט,
און דיין האַנט אין מיין האַנט
האָט דערמאָנט אַן הייליק געבעט.
און דיין בליק בלאָנדזשעט אום
נאָך אצינד, אויף מיין טיר,
אויף די ווענט,
און צו מיר אויף די הענט,
אויף די אויגן פאַרמאַכט —
און איך פיר אים מיט זיך אין דער טונקלסטער נאַכט.

מיט פאַרבריענטע פליגל

ס׳איז די פרייד צו מיר געקומען
אין א שפּעטער שאָ,
און האָט געפרעגט:
ווער וואוינט עס דאָ?
האָט אין מיר מיין קאָל געציטערט,
און איך בין שטום געבליבן ליגן
ביז דער טאָג האָט גרוי
אין פענצטער אָנגעשלאָגן —
האָב איך אויפן טיש
א זומער - פייגעלע געפונען
מיט פאַרבריענטע פליגל...

און אַצינד? . . .

נו, וואָס איז איצט,—
אַז מיר זיינען שוין געקומען
צום געגארטן הויז? —
און דו נעמסט מיך איין,
רעדסט מיר איין
און רעדסט מיר אוים.
און זאָגסט מיר צו...
מיר איז אַלץ נאָך אומעטיק,
און איך טראַכט פון וויינען.
כ׳בענק צו קליינע מיידלאַך,
וואָס שפּילן זיך אין זאמד.

איך גלויב דיר גערן,
כ׳פיל אין דיינע רייד
דעם רייאַך פון פרישן האָניק
ערשטאָ פון דער בין.
נאָר אומגערן טראַכט זיך מיר פון וויינען,
און איך בענק אהין —
צו קליינע מיידלאַך, וואָס שפּילן זיך אין זאמד.

בלייב נאָך דאָ

בלייב נאָך דאָ און אויגנבליק
און זעץ זיך צו אויף ברעג פון שטול;
רעד צו מיר פון ווייטסטן ווייט,
פון גאָר אמאָל.

אין דרויסן רעגנט איצט —
ס׳פלעכט דער רעגן אויס
א וואסער - בעט,
און דער ווייזער שארט זיך שטיל —
ס׳איז שוין שפעט
און אין דרויסן רעגנט אלץ,
ס׳קען דאָך רעגענען א גאנצע נאכט .
נו, בלייב נאָך דאָ;
דערצייל מיר וואָס
פון גאָר אמאָל...

דורך גרינע נעכט

אז איך האָב מיינע מיידלשע כאַלוימעס
אין דיין בעט פאַרוויגט,
ביסטו מיין לעבעדיקסטער טרוים געוואָרן,
און ס'האָבן מיינע מיידלשע כאַלוימעס
פאַרבלייכט פון מיין זעקאָרן.
איצט שטייען אונז צוקאָפּנס רייפע נעכט
פול מיט קינדערש וויינען און לאַכן געלאָרן
און שאָקלען שווער די קעפּ,
ווי באַרן - ביימער אין פריען האַרבסט.
און פון די גרינע פעלדן נאַכט
קוועלן צאַפּלדיקע קינדער
און בעטן אונזערע אָרעמס —
שטרעקן מיר בלינד די הענט:
— אָט — אָט — — — — — —
און פירן זיי פון גרינע, קילע נעכט ארוים,
אין ברענענדיקע טעג אריין...

א. ש. שקאָלניקאָוו

דאָס ליד פון צוויי

מיט דעם רויטן שיין פון פרימאָרגן
גיי איך איבער שטילע גאסן
און זינג א ליד פון צוויי
וואָס האָבן זיך ליב ווי קינדער:
איינער גייט פארפרי זוכן ברויט,
די צווייטע אין שטוב צערטלט ליב די נויט
און הונגערט און זינגט:—
מיין ליבער האָט מיר א קלייד אויפגענייט,
האָב איך עס אָנגעקליידט
און זיך אָנגעפרייט,
טראָגט עס איצט מיין ליבער פארקויפן
פאר א שטיקל ברויט,
פאר א שטיק ברויט.

אָונטברויט

א שטיקל ברויט
און וואסער דערצו —
אָ, ווי געשמאק ס׳איז די רו!
דער טאָג איז ווייט,
די מי שלאָפט באַם זייט,
און דער לאָמפּ וואכט
ווי א פונק
פון מאָרגנדיקער ליכטיקייט...
און ניט איך כאָלעם איצט
און ניט איך טראכט
וואָס וועט מאָרגן זיין.

א שטיקל ברויט
און וואסער דערצו —
ווי געשמאק,
ווי ליכטיק
שטראלט פון דעם די רו.

מיין האַנט

מיין האַנט וואָס קאָן
דאָס געזאַנג פון ארבעט,
דאָס ליד פון ברויט —
מיין האַנט וויגט איצט
א קראַנק קינד
און זינגט דאָס ליד
פון רו און שלאָף.

אָ קלאַנג פון ארבעט,
געזאַנג פון ברויט —
ס'איז אזא פרייד
וואָס שטראָמט דורך מיין האַנט!
און ווי א ווייסער פּאַס ליכט
שטרעק איך מיין האַנט
צום קראַנקן קינד,
גלעט עס,
וויג עס
און שטיל עס איין.

גאָלד גרעבער

דאָס ביסעלע ערד
וואָס איז גאָלד,
דאָס ביסעלע גאָלד
וואָס איז בלוט —
גראָבסט עס פון הארץ
און גיסט זיך די מוט
ציען די מי אין פיין
און נאָך האָפערדיק זיין —
פארן ביסעלע ערד
וואָס איז גאָלד,
דאָס ביסעלע גאָלד
וואָס איז בלוט.

אָרימע - פארגעסענע

— ווער געדענקט אייך, ווען איר האָט געלעבט?
— ווער געדענקט אייך, ווען איר זענט געשטאָרבן?

ווי א רויך אין באגינען איז אייער לעבן אויפגעגאנגען,
און אין אָוונט א מידער אויפן געלעגער אויסגעגאנגען.
ס'איז דער טויט ווי א טבויר,
באנאכט צו אייך געקומען
און דערוואָרגן אין דער פינצטער.

באגינען האָט מען אייך
דורך הינטער גאסן צום קייווער געפירט.
(ס'האָט א האָן ניט א קריי געטאָן אפילע)
און די ערד, די הארטע, שטילע
האָט אלץ פון אייך פארנומען און פארשוויגן...

—ווער געדענקט אייך, ווען איר האָט געלעבט?
— ווער געדענקט אייך, ווען איר זענט געשטאָרבן?

די וואָס טראַכטן ניט

די וואָס טראכטן ניט —
טראכטן ניט, טראכטן ניט:
די עסן פיר און פינף מאָל א טאָג,
שלאָפן אויף זייד און פליוש,
האָבן ברייטע, גלאטע פלייצעס,
שטארקע, ווייסע הענט
און זיינען מיד און פויל
און ס׳גייט זיי גוט די וועלט.

די וואָס טראכטן ניט —
טראכטן ניט, טראכטן ניט,
נאָר דער פייגל
דערמאָנט זיי אן הימל
און דער בלאט אן עפל,
דער עפל אן בוים
און דער בוים אן טויט.

אידע מאַזע

מײן בערגעלע

די לופט דאָ אזוי גוט און שטיל
און װײך דאָס גראָז צום ליגן,
און בא מײן זײט א בערגעלע:
איך קום באנאכט אים װיגן.

דאָ שטײען בערגעלאך א סאך,
בערגעלאך אײנזאמע.
נאָר בא מײן זײט דאָס בערגעלע —
דעם בין איך א מאַמע.

דורך לעװאָנעדיקע נעכט
בין איך דאָ געזעסן,
לעװאָנע סוידעס אויסגעהערט
און האָב זיך שיר פארגעסן.

און ניט די לעװאָנע היט איך דאָ,
ניט די בערגעלאַך אײנזאמע;
נאָר דעם קלײנעם בערגעלע,
װאָס אים בין איך א מאַמע.

לעצטער גאסט

קומען געסט צו מיר צוגיין,
ברייט און אפן שטייט מיין טיר;
מיט די אלע געסט אינאיינעם
קומט מיין איינזאַמקייט צו מיר.

ריידן געסט בא מיר אין שטוב,
ריידן גוטע רייד צו מיר;
פון די ווינקלען פון מיין שטוב,
רעדט די איינזאמקייט צו מיר.

אוועק שוין אלע מיינע געסט,
און פארשלאָסן שטייט מיין טיר;
איז מיין איינזאמקייט געבליבן,
וועט היינט נעכטיקן מיט מיר.

דער טאָג גייט באַלד פאַרביי

שמעטערלינגען טאַנצן אום,
זע ווי שיין, זע ווי פריי:
לאָז מיך נעמען דיך באַם האַנט,
דער טאָג גייט באַלד פאַרביי.

אַלץ ווערט טונקל, אַלץ ווערט גרוי,
נאַכט קומט אָן פון אומעטום:
זעסט דעם קליינעם שמעטערלינג
טוליענדיק זיך צו אַ בלום?

לאָז מיך נעמען דיך באַם האַנט,
רעד צו מיר מיט ליבע רייד,
ביז די שאָ איז פאַר אונז ניי,
זאָג מיר ליגן, רייד פון פרייד,
דער טאָג גייט באַלד פאַרביי.

ליד

מײן הארץ איז איבערפול מיט דײן שטילקײט,
מיט דײנע ניט גערעדטע רײד,
און װי מאַטאָנעס טײערע,
היט איך אָפּ דײן שטילקײט — מײן פרײד,
דײנע ניט גערעדטע רײד.

און איך שװײג מיט דיר.
בויג אן מײן קאָפּ און האָרך,
נעם אויף א יעדן שאָרך:
פון דײן פארבאָרגן אויג — א יעדן בליק.
פון דײנע ניט גערעדטע רײד — מײן גליק.

מיין ליד צו דיר

פון אלץ וואָס איז גוט
און הייליק אין מיר,
זינגט ארויס
מיין ליד צו דיר.

פון מיין טעגלאכע טפילע,
פון מיין זיפץ אין דער שטיל,
ציט זיך אין בענקשאפט,
מיין ליד צו דיר.

אין אנגסט און אין צאַר,
ווען דיין בליק רוט אויף מיר,
דאן רייסט זיך פון הארצן
מיין ליד צו דיר.

פון מוטערלאכן שמייכל
צו מיין קינד פון מיר,
שמייכלט ארויס
מיין ליד צו דיר.

אַ מאַטאָנע פון דיר

גוט וואָס דיין ערד איז גוט און האַרט
און לאָזט מיר אָפּרוען אויף איר.
גוט וואָס דיין הימל איז צייטנווייז בלוי
און עס לויכט דיין זון איבער מיר.

גוט וואָס דו האָסט ביימער און שטיין
פאַרזייט אין דיין געטלאַכן רוים,
און וועסט מיר מיטגעבן עפּעס פון דעם,
ווען דו וועסט מיך רופן אַ היים.

וועסט מיר מיטגעבן אַ ברעט פון אַ בוים,
און פאַר מיין צוקאָפּנס אַ מאַצייווע פון שטיין;
און איבער מיין רו — אַ מאַטאָנע פון דיר,
וועסטו לאָזן לייכטן דיין זון איבער מיר.

ש. נעפּאָם

זיבן בינען

זיבן בינען געל און זילבער
שפּילן מיר דאָס ליד פון האָניק.
אין די הערצער פון די בלומען
לאָזן זיי אריין די שפּיזן,
און זיי לאכן, און זיי קייכן,
זיבן בינען געל און זילבער.

זיבן בינען געל און זילבער,
אין דעם בינשטאָק איינגעשלאָסן.
נאכט און פינצטער. בלויז א זשומען,
ווי פון הייליקע מאָנארכן:—
— און זיי שאפן זייער שאפונג,
זיבן בינען געל און זילבער.

זיבן בינען געל און זילבער,
האָבן מיר מיין הארץ צעביסן,
אלע סוידעס אויפגעריסן,
שאפט מיין הארץ אזוי צעוויטיקט,
ווי די זיבן בינען האָניק,
אין א בינשטאָק איינגעשלאָסן.

די מאַסע

כ׳האָב זי דערזען מיט טויזנט פלאמען־אויגן,
פון צאָרן טיף ביז אָפּגרונטן פארכאפּט,
אויף הויכע, שווערע היינגענדיקע באלקאָנען,
אין רויך, אין שווייס — איין הארץ האָט שטארק געקלאפּט.

כ׳האָב זי דערהערט: איין וואָרט פון טויזנט שטימען,
וואָס האָט קיין אָפּהאלט אין שעטעכדיקער ברייט.
עס האָט געראוישט, געפּאָדערט און באפוילן,
זיך אָנגעצונדן — געברענט מיט ווילדער פרייד.

כ׳האָב זי דערפילט די מאַסע רויט פארפּאַליעט —
א וואלד, וואָס שטורעמט און רייסט אויס זיינע צעפּ, —
אַן אוראַגאַן, וואָס שמעטערט מיט נעצאָכן,
א ווילדער ברויז פון שווארצע מאסן קעפּ.

כ׳האָב זי געבענטשט מיט בראָכעס אויף די ליפּן,
כ׳האָב איר פארלאנג מיט פלאמען אויסגעקריצט
צום גרויסן זיג פאר אלע אונטעריאָכטע,
האָט טיף אין מיר דאָס שטארקסטע ליד געבליצט.

דער לעצטער פּאָדים

מיינע זעגלען זיינען רויט געוואָרן.
זון באהאלט זיך צווישן סאָסנעס גרינע,
האָט מיין טאָג דאָס זיידנס ניט געענדיקט
אויף די בלויע הימלען אויסצושפּינען.

האָב איך זיך געוויגט אויף ווייטן וואסער,
מיט א שווארצן פּלעק בא מיר צעפּיסן.
אז די נאכט וועט אלעמען באפאלן, —
האָבן קלויסטערס אונז געלאָזן וויסן.

האָבן זיך די באַנען שארף צעשריען.
און פארביי־געפלויגן אין אַ שווינדל;
האָט פון רויטן קנויל שוין אָפּגעריסן
זון דעם לעצטן פּאָדים פון דעם שפּינדל.

מאַניפעסט

וואָך, ווי בייזע שלאַנג מיט זיבן צינגען,
צו דער טאַטשקע צוגעקאָוועט פעסט.
ניט אומזיסט האָט זיך מיין האַרץ צעזונגען:
יאַנטעוו זון צעהיינגט איר מאַניפעסט.

צוגעקעמט, אַרומגעגאָלט, צעכראַסטעט,
זאָג וואוהין זיך לאָזן לויפן פריי׳ר?...
מיין נעשאָמע האָט אַ שטראַל געלאַסטשעט,
האַרץ איז פול מיט פרייד, ווי אַ גלאָז ביר.

טעג געציילט, ווי קאָמצן זיינע פּרוטעס,
ניין, ניט קלער און ברייינג ניט פאַר דעם מויל,
ס׳איז אַ פּלעק פאַר לעבנס די צעבליטע,
טאַטשקע־וואָך פון עקל און פון גרויל.

וואָך, איך האָס דיך מיט די זיבן צונגען
צוגעקאָוועט צו דער טאַטשקע פעסט;
ניט אומזיסט האָט זיך מיין האַרץ צעזונגען:
יאַנטעוו זון צעהיינגט איר מאַניפעסט.

צו א ברוינעם הארבסט-בלאט

ברוינער בלאט,
מיט ביינערדיקן שאָרכן,
ווארט אוים אויף מיר,
איך טשאכנע אויך.

מיר גייעןביידע צו דעם שייטערהויפן
דער בלויער פלאם פארצערט אונז ביידע גלייך.

הארבסט גייט אום און שניידט אויף ביידע זייטן.
זיינע מאָרגנס זיינען גלאנציק ריין.
אונז טרייבן ווינטן,
רויע ווילדע ווינטן,
צום געל־און רויטן
פארנאכטיקן פארגיין.

ברוינער בלאט,
מיר גייען ביידע
פארוועלקטע נאָך אין מיטן בליט;
עפשער, זאָג, וועסטו פארדעקן מיין ביסל שטויב,
נאָך שארפן שניט.

נאָך א זומער שטורם אין דאָרף

פון פאַרטאָג האָט דער רעגן געקלאַפּט אין מיין שויב,
האָט געזאָגט, און דערציילט אויף זיין פיינלאַכער שפּראַך,
פון דעם ווייצענעם פעלד, פון דעם קאָרן און פלאַקס,
פון די פערד, פו די אָקסן און קלאַדקע פון טייך.

און די כמארעס, זיי האָבן געצויגן צום וואלד,
איז דאָס דאָרף נאָך אין גרויען געלעגן פארוויגט,
און דאָס גרינס איז געהאָנגען, געדולדיק געווארט,
פון די נאכטיקע שטורעמס די צווייגן צעפליקט.

האָט דער האָן זיך פארשפּעטיקט, דעם טאָג ניט געוועקט,
און דער צעבער באַם ברונעם, פארשטומט אויף דער קייט.
בלויז א קו האָט צערעוועט מיט בענקשאפט די לופט
און דער רעגן פארטאָג האָט געטריפט שטילערהייט.

איז דאָס הארץ אויפגעגאנגען, ווי כמארעס צום וואלד,
איז דאָס בענקשאפט, צי טפילע, געפילן די צוויי?
כ'האָב מיין קאָפּ אין די אָרעמס באַהאלטן פארשעמט
און לאנג אויסגעשוויגן מיין פיינלאַכן וויי.

שטומע ווייען

און אז דו האָסט מיך פון דיין קרוג באטרונקען,
און איך לויף ארום און קאָן דיך ניט געפינען,
און אז דער שלאָף אַנטלויפט פון מיינע ברעמען,
און כ'קאָן שוין יעדע פאר'ב פון דעם באגינען;
און ווען איך זיץ באם שווארצן יאם צופיסן
און קוק ארוים אויף דיינע ווייסע שיפן,
און מיר דוכט זיך, איך הער דיין שטימע פון די קאָכעדיקע טיפן.
איז דאָך שווער אליין די אומרו טראָגן.
ווער וועט מיר אן עמעם טרייסט וואָרט ברייננגען?
ווער וועט די הענט, ווי ווייסע רינגען,
אויף מיין האלז מיר היינגען.

האלט מיין שאָטן דעם נאקן אויסגעבויגן,
קלערט ער, קלערן מיר צוזאמען;
און די טעג מיינע, דערווייל זיי צערן
אין דער צייטס ניט אויסגעברענטע פלאמען.

מ. קרייצער

א לויב צו דיר

א לויב צו דיר ליידנשאפט, וואָס גייט אויף אין מיינע בלוטן
און לאָזט מיך ניט רוען,
נאָר צווינגסט מיך צו נעמען דעם בעכער מיט הענט מיינעביידע
און זיפּן און טרינקען, ביז אָטעם פאַרכאַפּונג.

א לויב צו דיר ליידנשאַפט: מאַמע פון אלע געבורטן,
פון אלע געגעבענע אָטעמס.
דורך בראָכע דיינע גייען אויף די שפּראָצן אויף פעלדער,
ס׳הודזשען און רוישן מאַשינען גאַנצע מעס־לעסן,
און ס׳שניידן זיך שיפן פון ברעגן צו ברעגן
באַלאָדנט מיט לעבנס, וואָס זיינען אין ווייען געבוירן
צו נייע באַגערן!

דיך, מאַלקע פון אלע געפילן, וועל איך נישט פאַרהוילן
אין ווינקלען פון האַרץ
און פון בלוטן, נישט לויפן אין שטילינקע ווינקלען
צו קילן מיין שטערן, קעדיי דיך צו פאַרטרייבן.

כ׳וועל גיין מיט דיר געטין אויף וועלטס־ברייטע שליאַכן
און זוכן דיין קרוין, וואָס דיינע קינדער האָבן
אויף מיסטן באַגראָבן;
כ׳וועל דיר בויען א הייכל, באַשאַפן דיר טפילעס
און זינגען און לויבן דיך, מאַמע פון אלע געבורטן.

נאָך גוט

נאָך גוט, וואָס כ׳האָב אומעט אין הארצן דערצוויגן,
האב איך מיט וועמען צו שפּאנען אויף גאסן,
צווישן עלעקטרישע מענטשן, וואָס האָבן זייער הארץ
שוין פארלוירן...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צי איך מיט פעדים פון אומעט דעם ניגן,
פון אלע פארלוירענע נעכטנס,
און מאָל מיר אין ראָזעווע פארבן דעם מאָרגן,
וואָס אונטער מיין רוקן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז גוט זיך צו פלעכטן צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן,
זאמלען נעדאָווישע בליקן פון מיידלאָך
און קיינעם „גוט מאָרגן" נישט זאָגן,
און פון קיינעם נישט הערן....

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז נאָך גוט, וואָס כ׳האָב אומעט פאר א באוער דערצוויגן,
האָב איך פאר וועמען צו זינגען מיין ליד,
וואָס כ׳טראָג מיט גליאיקע ווערטער אין הארצן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז גוט, , אזוי גוט איז צו קענען דערפילן,
אפילע די פריידן פון לעבן, דורך אומעט געזאנגען.

איז גוט

מיין ליב־הארציקער מאמען געווידמעט

איז גוט, וואָס כ׳האָב קיינמאָל דעם בעכער פון ליבע
ביזן דנאָ נישט דערטרונקען, נאָר שטענדיק פארזוכט אים...
זיינען אזויפיל געשמאַקן געבליבן פארבאָרגן
און לאָזן נישט רוען,
שטרעקן זיך הענט נאָך די בעכערס,
ווי יונגינקע צווייגן — נאָך בליטן...
איז גוט אזוי אייביק פארזוכן, נאָר קיינמאָל — דערטרינקען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איז גוט, וואָס כ׳בין קיינמאָל מיין וועג ניט דערגאנגען,
נאָר שטענדיק באוואויגן די פיס אויף פארשיידענע וועגן,
זיינען אזויפיל נאָך וועגן פארבליבן,
וואָס מאָנען א גאנג
און לאָזן נישט רוען...
באוועגן די פיס זיך צו פארשלאָסענע קוואלן,
וואָס כ׳דארף נאָך פארזוכן...
איז גוט אזוי אייביק צו שפאנען
און קיינמאָל דעם סאָף
פון די וועגן דערגרייכן.

מיר זיינען

די זאגלעמביער „יוגנט“ כאווייריםֿ - געווידמעט

מיר זיינען די ערשטע, די שוואלבן פון פרילינג,
מיר זיינען דער שמייכל פון זוניקע שטראלן אין מאיאיקע טעג,
מיר זיינען דאָס קלאָנגליד פון הארבסטיקע רעגנס
אין פינצטערע נעכט;
מיר זיינען די כוואליעס פון יאַמים פון ווילדע
אין א שטורמיקע צייט.
מיר זיינען ווי פונקען, צעזשארען דעם פייער אין פיר עקן וועלט;
מיר זיינען וואולקאנען, וואָס שפייען מיט לאווע
אָן פּאכאד, אָן שרעק;
מיר זיינען ווי פעלזן, שפּיזיק און האַרט.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אונז שרעקט ניט קיין רעגן, קיין פונקען, קיין פייער,
קיין שטורם קיין לאווע, ווייל מיר זיינען עס!
מיר זיינען די רייטער פון אָנשרעקיק ווילדע, שטורמיקע טעג —
מיר פרעגן קיין וועג!
מיר רייטן דורך קוואָרים, צעקלאפּן מאציייוועס
און וועקן צו טכיאַס־האמייסים די וועלט!
מיר זיינען די רייטער
פון פרילינג די ערשטע,
מיר קענען דעם וועג!

❖❖❖

פון ציקל „הונגער־טעג“

בין איך צופרידן, וואָס אויף מיינע אקסלען
ליגן אויסגעהונגערטע ס׳קעלעטן טעג,
און אומעטום וואנדער איך מיט זיי,
מיינע ברידערדיקע טעג,
צעטאַנץ איך זיך מיט זיי א „האָרא“ א ווילדן, א זאָרגלאָזן,
ביז צוגענעצטן טאָג.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

באסימכעטע מענטשן לויפן איבער גאסן
א „מאסקן־באָל“ אין שטאָט!
גיט זיך א טרייסל מיין צעשויבערטער קאָפּ,
די בלויע אויגן מיינע גיבן זיך א קער,
און פון הארצן רייסט ארויס זיך א ווילד, אַ שווערס,
א הונגעריק געלעכטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

טראָג איך די מאַסע אויסגעדארטע טעג
און זיי שרייען מיט צעקרימטע מיילער אין א כאָר־געשריי:
„א לעבל ברויט!“

יאַם

מיינע ליבע עלטערן א הארציקן גרוס

אויף דיינע כוואליעס פון לעבן
טראָגסטו די שיפן מיט לאסטן פון ברעגן צו ברעגן.
פּאַטשסט מיט די פליגלען אין איינזאמע ווענט פון די שיפן,
וואָס שניידן דיין רוקן, און שטערן דיין וויגן
אין טעג און אין נעכט, און ווילן צורו דיך ניט לאָזן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דיינע כוואליעס, די פליגלען, וואָס שאפן דעם אומרו,
וואָס שאפן דאָס לעבן...
ברומען די כוואליעס מיט שוימיקן קאָס אויף די ליפן,
און טראָגן די שיפן באלאָדנט מיט לאסטן פון ברעגן, - צו ברעגן.

אָבער מיר מענטשן: די כוואליעס פון לעבן,
דער אייביקער אומרו פון לעבן,
מיר שווימען פון ברעגן
און קענען צו ברעגן נישט קומען.

מ. סעגאל

דער סימבאָל פון הענגען

גלאָקן וויגן זיך, שלענגלען זיך אין שווארצער נאכט.
א האַ!
זיי קלינגען ווידער,
לאָזן איימעדיק צוואוויסן דעם סימבאָל פון טויט,
מיט הויכע טריט, ווי פון א ברומענדיקער כאַיע:
— באָם! באָם! באָם!
יאָ, דאָס ציט זיך ס׳שנירל — געזאנג פון הענגען,
דאָ שטייט ער, דער טאַליען, דער מערדער,
ער קאָפּעט א גרוב — א פינצטערן קייווער —
שטעלט דעם סלופּ, דעם שווארצן מאַלאַך־האַמאָוועס, אריין.
און גלאָקן שלענגלען זיך אין שווארצער נאכט.
גיבן איימעדיק צוואוויסן דעם סימבאָל פן טויט,
מיט א פערשטיקטע שטימע:
— הענגען גייט מען!
— הענגען גייט מען!

וועלט-אונטערגאנג

אייל זיך גיך אונטער ,דו מענטש,
אין טאנץ גייען אלע פיר עקן וועלט זיך פאנאנדער.
פוסט. פוסט וועט ווערן,
ס׳וועט קיין בייזער, מעשוגענער הונט קיין געשריי, אפילע,
ניט געבן:
נאָך לעצטן קאָרבן פון וועלט-אונטערגאנג —
וועסטו „קריעה׳ען" (קריען) מיט א קאדיש-מעסער
נאָך דער וועלט שניידן.
א טאָג וועט אָנקומען, א טאָג וועט פאַרגיין
און אין רויטן קאָרבן-בלוט זיך דערטרונקען.
אין מייסים-טאנץ פון ווידע,
וועט וועלט דעם לעצטן טאנץ אויסטאנצן,
ווי וואָלקן-שטורם, וועט פליען, פאריאָפּעמט
דער איינזאמער קלאנג פון דער וועלט
און לעשן פון הימל-ראנד א פלאם נאָך א פלאם.
שנעלער, אייל זיך גיך אונטער, דו מענטש! פארשפעטיק ניט
זעסט?
אין טאנץ גייען אלע פיר עקן וועלט זיך פאנאנדער.
פוסט, פוסט, ליידיק, פארכאָלעמט
אָפּגעהאקטע יאָרן, פאר דער צייט וועט וועלטס סאָף זיין.

מײן נעשאָמע

מײן-נעשאָמע, געשװאַרצט, װי הימל אין איר שװאַרצער נאַכט.
באַטריבטע שאָען ציען זיך אין מײנע געדאַנקען אָן אױפהער,
לאַנגזאַמע, טריבע שאָען!
רױכיקע, פאַרנעפּלט, ציט זיך, װי א שלאַנג אין מײן גוף.
מײן בלוט, פאַרטרונקען און צעגאָסן,
װי הימל אין רױטלאַכן שײן.
מײן נעשאָמע צאַנקט אין אירע שװאַרצע, לעצטע מינוטן,
װי א לאָמפּ פאַרן אױסגײן...

הענט געציטערטע,
פיס געװאָרפענע,
אױגן דערשראָקענע, ברײט-װײט געעפנטע,
האַרץ געװיקלט אין שװאַרצן װאָלקן,
קלאַפּט האַרץ, װי א בעטלער, הינקענדיק
און בעט ראַכמאָנעסדיק:
„עפענען!“

דער פורמאן

איבער וועגן, שטעגן גרויע
אויסגעשפרייטע ווי אין כאָלעם,
קריכט א פורל אויף הארט־שטומען וועג,
קריכט ווי א וואָרעם, לאנגזאם געשלענגלט.

דארער איד מיט בלייכן פּאָנים
זיצט אין פורל, דעם קאָפּ געבויגן —
אונטער הימל גרויען.

פערדלאך, מיט אויגן פארזשמורעטע,
שפּאנען לאנגזאַם, ווי וואָלקנס אין הימל,
די קעפּ מידע, אויגן — געשלעפערט, געבויגן צו דרערד —
דער וועג געשפּרייט איז ווי הימל אין ווייסער נאכט...

דער אידל שמועסט זיך אויס מיט פערד און בייטש —
דער וועג, ער ציט זיך ווי אין כאָלעם
בא אן אלטן מאן, אין שווארצער נאכט, אָן אויפהער —
נישט האָבנדיק מיט וועמען צו רעדן, שמועסט זיך אידל אויס
מיט בייטש און פערדלאך...

און ווי אין א מאַיסעלע געזילבערט אין כאָלעם, קריכן די פערדלאך
מידע, מיט אויגן געזשמורעטע,
שפּאנען לאנגזאם ווי וואָלקנס אין הימל...

הארבסט

עס קריכן די טעג
שטילע און שטומע,
ווי קריכנדיקע שלאנגען.
א וויסטער אומעט נעמט דורך דאָס הארץ,
אי קלעמענדיקע צוואנגען.

ס׳בלאָזן ווינטן,
ס׳טרישן רעגנס,
הארבסטיק און פארגרויט;
ס׳פאלט דער נעפל אין הארצן
גרוילאך און פארגעלט.

קריכן הארבסטיק טעג ארום,
ווי קריכנדיקע שלאנגען. —
דרינגען טיף אדורך דאָס הארץ
און קלעמען שטיל — ווי צוואנגען.

א נאכט אָן לעוואָנע

אָ, ווייסע זילבער לעוואָנע, גינגאָלד פון מיין לעבן,
אָ, ווייסע, בלאסע־פרייד, הימלס־נעשאָמעניו,
ביסט היינט פארגאנגען, ועסטו מער ניט אויפגיין.
בלייך און קראנק ביסטו היינט פארגאנגען, —
ווי א פארוואונדעט טייבעלע באם אויסגיין.

אָ, בלייבע, קראנקע מאמע־לעוואָנע,
כ׳הער דעם שטילן אָטעם פון דיין קראנקן הארץ,
ווי א מאַמע ביסטו מיר שטענדיק געגאנגען בא דער זייט —
היינט איז בלינד און פינצטערדיק אין דרויסן,
ביזט קראנק, אָ, הימלס־נעשאָמעניו.

א. ניסנעוויטש

ווי קען

ווי קען איינזאם זיין א מענטש, —
אז אויף יעדן טראָט און שפּאן
איז א ברודער דאָך פאראן,
מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט
גרייט צו גיין אין וועג באנאנד?

ווי קען טרויעריק זיין א מענטש, —
אז די זון דאָך ליכטיק שיינט
און באַשטראַלט מיט טרייסט דעם „היינט";
און דער קומענדיקער „מאָרגן"
האָט אזוי פיל פרייד פארבאָרגן?

ווי קען שלעכט גאָר זיין א מענטש, —
אז ווי קלאָרע, פרישע קוואלן,
פינקלען אויגן דאָך מיט שטראלן,
ווען דאָס הארץ איז אויפגעבונדן
און מיט ליבע אָנגעצונדן?...

❖❖❖

רייסט די וואָלקנס דורך א שטראַל —
ווי פון בארג דער וואסער הוואַל;
און דער הימל ווערט דערפרישט
פון דעם נייעם ליכט וואָס פליסט;

און דער שווארצער וואָלקן־וועג
זוימט מיט זילבער זיך באם ברעג;
און די ערד — זי קוועלט דערפון
און צעבליט זיך קעגן זון....

טונקעלע פארנאכטן

מיינע טונקעלע פארנאכטן
קומען ווי די פייגלען
מיט די שווארצע פליגלען
פון די פרעמדע לענדער;

שוועבן אין דער לופטן,
דרייען זיך אין קרייזן,
לאָזן זיך ארונטער
אויף מיין קאָפּ צו נעסטן.

מיט די נעגל שארפע
פעסט זיך איינגעקלאמערט.
וויגן זיך פארנאכטן
אויף די אקסלען מיינע.

ליכט פון טאָג גייט אונטער.
שטימען ווערן שטילער;
מיט צעשפרייטע פליגלען
רוען שווארצע פייגלען.

מיינע קראַנצן

פון מיין ווייטיק, פון מיין צאַר
וועל איך אויספלעכטן זיך קראַנצן,
און מיט זיי מיין קאָפּ באַדעקן
און אנטקעגן שטורם טאַנצן.

— — — — — — — — — —

זאָל ער קומען
מיט זיין ברומען
און מיך איינשלינגען אין גאַנצן!
זאָל ער פליקן זיי אויף פּיצלאַך,
מיינע שטעכעדיקע קראַנצן!

איינער

אויסגעטראָטן אין דעם טומל
פון די גאסן אלע שטיינער;
זיך מיט טויזנטער באַגעגנט
און — געבליבן איינער.

איינער ניט באַהעפט צום באָדן
און קיין וואָרצל ניט געשלאָגן;
ווער עס בליטן ווערן פּרוכטלאָז
פון דעם קאַלטן ווינט געטראָגן.

איינער אין דעם שטאָט געווירבל,
צווישן טאַנצנדיקע פייערן, —
ווער עס האַרץ איז פול מיט אומעט,
ווי אין האַרבסט, אין דאָרף, די שייערן...

ניי-שניי

פרישער שניי איז אויסגעפאלן.
קינדער־־שטימען יובלען, שאלן;
אייגלאך לייכטן ווי די זונען —
קינדער האָבן גליק געפונען!!

שליטלאך נייע, שליטלאַך אלטע,
קליידער ווארעמע, צי קאלטע —
שטערט קיין זאך ניט זיך צו פרייען
מיט די סאַמעט־ווייכע שנייען.

קעלט — פארגעסן ווערט אין גאנצן,
קינדער אין די שנייען טאנצן!
איבער שיך און ביז די קניען
און די בעקלאך, רויטע, בליען...

נעכעמיע סינאל

מאמע

דיין אויג ווי א שפּיגל,
דיין טרער — א דימענט שטראל;
דיין הארץ, ווי א קריגל
וואסער פונם קוואל.

איך וואָלט וועלן בלייבן
רואיק צו דיין געוויין,
יעדע טרער אויפקלייבן,
ווי זאמד - גאָלד פונם שטיין...

באם שוועל פונם טאָג

טריפט זיך און קאַפּעט אַ רעגנדל שטיל,
עפנט דער הימל זיין קופּערנע טיר,
לעשט זיך אַ טאָג אויס און ווערט קיל,
ווי דורך אַ שפּעלטל די זון קוקט אַפיר.

כ׳שטיי באם שוועל פונם טאָג
עס זאַמדיקט מיין אויג און איז מיד,
די שאָטנס די נאַכטיקע פאַריאָג
און זינג מיר אַ מאָרגנדיק ליד.

אַרום מיר די שטילקייט ווערט שוואַרץ,
ס׳קלינגט יעדער שאָרך מאָנאָטאָן,
ס׳פלאַטערט פאַר פאַכאַד דאָס האַרץ,
ווי עס פלאַטערט פון שטורם אַ פאָן...

פרימאָרגן

עס ווערט שוין צעשוואומען דער שלייער פון נאכט,
דער שווארצער צודעק אויף בארג און אויף טאָל.
און אלץ ארום ליגט נאָך פארכאָלעמט, פארטראכט,
פארזונקען אין זיך, מ׳הערט ניט קיין קאָל.

א פאס גאָלד־ליכט אויפן מיזראָך צעשפרייט,
ווי געלע גאלאָנעס אויפן ברעג פון א קלייד;
ווייסינקע וואָלקנדלאָך וואָגלען אומעטום,
ווי בלאָנקענדיקע שעפעלאָך, בלאָנדזשען ארום.

עס באָדן זיך גראָזן אין זילבערנעם טוי,
ווי א צערטלאכע מאַמע די זון וואשט זיי אויס,
און בעט א געלעגער פון שטראָליקער שטרוי,
פארוויגט זיי ווי א מוטער אין איר טויס.

שניטערס

גארבן כוואלעס ווי א יאַם,
גארבן פולע, פול מיט זאפט;
יעדער זאנג האלט זיך קוים,
יעדע זערנע פול מיט קראפט.

שווימען שניטער, גראַבן טיף
מיט די קאָסעס אין שטרויען טייך,
ווי מיט וועסלעס פון א שיף
גראַבן פישער, שווימען גלייך.

זינגען שניטער א פריילאך ליד,
פאלן סנאָפּעס אונטער זיי;
הענט פון שניטער ווערן מיד,
קלינגט די קאָסע מיט געשריי.

שמייסט די זון מיט גאָלדן גלוט,
ווערט דער שניטער פּייער רויט,
גיסט זיך שוויים, גיסט זיך מוט,
מישט זיך, קנעט זיך אָרעם ברויט.

קליינע ביבליאטעק „אויפגאנג“

ערשט ארויס פון דרוק:

„באגינען“ — לידער זאמלונג

דערציילונגען – – – – מ. קרייצער

„רוז“ (דערציילונגען) – – בעניאָמין קאץ

אין „שוויענטי קרושישער“ וואלד – ל. ט. ייסטער

„נישט געשטויגן – נישט געפלויגן“

(קינדער מאיסעס)

פון מוישע שיפּרים

וועגן אלע אנגעלעגענהייטן זיך ווענדן צו:

B. KATZ, Sec'y, 110 Beatrice St., Toronto 3, Ont.